# א חסידישע מלוה מלכה

## מיט הרה"ח ר' אברהם צבי אונגער שליט"א

## סיפורי צדיקים מקוריים בטוב טעם ודעת

גליון קל"ט / סיפורי צדיקים יארצייטן השבוע / פרשת נצבים וילך / אלול תשפ"ו

## הרה"ק רבי אורי סטרעליסקער זצ"ל

## כ"ג אלול

**הרה"ק רבי אורי בן רבי פנחס זצ"ל**. ער איז נסתלק געווארן אין יאר תקפ"ו.

### דער גרויסער תלמיד דער סטרעטינער

ער האט געהאט גרויסע תלמידים, פון די גרעסטע תלמידים איז געווען דער **סטרעטינער**, **הרה"ק ר' יהודה צבי זצ"ל**. ער האט אמאל געזאגט אויפן סטרעטינער: "ווען משיח וועט קומען, וועלן אלע צדיקים גיין מיט זייערע תלמידים, דער **בעל שם טוב** מיט זיינע תלמידים, דער **גרויסער מגיד** מיט זיינע תלמידים, איך וועל גיין מיטן גרויסן **ר' יהודה צבי**, און איך וועל מיך נישט שעמען פאר זיי".

*

אמאל ערב יום הקדוש פאר כל נדרי, ווען דער **סטרעטינער** איז שוין געשטאנען ביים עמוד, איז ער געווען צעקאכט, און לויט זיין הייליגע עבודה האט ער געפילט אז ער דארף יעצט האבן טאביק צו שמעקן. ס'איז נישט געווען, איז ער געווארן צערודערט.

איז געווען א חסיד דארט וואס האט געהאט ביי זיך טאביק, איז ער געגאנגען צום סטרעטינער און אים געגעבן טאביק. האט דער סטרעטינער געזאגט פון גרויס הנאה: "קום, איך וועל דיר עפעס ווייזן". ער האט גענומען א פאטשיילע אריבערגעפירט די אויגן פון דעם חסיד, און גלייך האט ער געזען אז דארט וואו דער רבי דער **סטרעליסקער** איז געשטאנען, איז געווען אן עמוד האש ביזן הימל, און די גאנצע ביהמ"ד איז געווען פול מיט נשמות פונעם עולם העליון. דער חסיד איז גלייך פאר'חלש'ט געווארן פון גרויס פחד, האט אים דער סטרעטינער נאכאמאל אריבערגעפירט די פאטשיילע אריבער די אויגן, און מער האט ער עס נישט געזען.

### די חסידים דארפן נישט גשמיות

ס'איז באקאנט אז די סטרעליסקער חסידים זענען געווען זייער ארעם.

האט דער **אמרי חיים פון וויזניץ זצ"ל** דערציילט: אז די רביצין האט אמאל געבעטן איר הייליגער מאן דער **סטרעליסקער**, אז ער זאל זאגן ווען ס'איז אן עת רצון וואס די חסידים קענען פועל'ן, אז זיי זאלן זיך קענען אויסבעטן זייערע הצטרכות'ן.

האט דער סטרעליסקער איר געענטפערט: "ווייסטו וואס, מאך אויף דעם טיר, און רוף אויס אז ווער ס'וויל קען קומען נעמען". איז אריינגעקומען דער ערשטער חסיד, און געבעטן לאור דאס גרויסע עת רצון וואס מ'קען אלעס פועל'ן, אז ער וויל כ'אטש איינמאל אין לעבן זאגן '**ברוך שאמר**' אזוי ווי דער רבי זאגט.

איז אריינגעקומען א צווייטער חסיד און געבעטן, אז ער וויל כאטש איינמאל אין לעבן זאגן '**האדרת והאמונה**' אזוי ווי דער רבי זאגט...

אזוי זענען זיי אריבער איינער נאכן אנדערן און געבעטן נאר אויף רוחניות.

האט דער סטרעליסקער געזאגט צו זיין רביצין: "דו זעסט וואס זייערע בקשות זענען? איז וואס ווילסטו פון מיר, זיי דארפן נישט קיין גשמיות!"

אויסער איין חסיד, א באקאנטער סטרעליסקער חסיד, וואס ער האט געשריבן די תורות אין דעם ספר '**אמרי קדוש**'. ער איז געווען א גרויסער עושר. זיין נאמען איז געווען **ר' בנימין וואלף שיינבלום**, מ'האט אים גערופן ר' וואווטשע. אמאל האט זיך דער סטרעליסקער אנגערופן: "ר' וואווטשע, ביסט זייער גוט, נאר וואלסט מיר בעסער געפאלן ווען דו וואלסט געווען אן ארעמאן..."

האט זיך ר' וואווטשע אנגערופן: "רבי, ביטע טשעפעט נישט, אויב ס'וועט מיר פעלן די שפראנצקע פון די שיך וועל איך שוין נישט וויסן וויאזוי צו דאווענען" [ער האט פארשטאנען אז לויט זיין עבודה מוז ער זיין רייך], זייט דעמאלס האט אים דער סטרעליסקער מער גארנישט געזאגט.

*

אויף דעם ר' וואווטשע האט **הרה"ק ר' מאטיל סלאנימער זצ"ל** דערציילט, אז אמאל נאך בדיקת חמץ האט ער אויפגעהאנגען אויפן וואנט די חמץ פון בדיקת חמץ, ביז צופרי. צופרי ווען ער האט געוואלט נעמען די חמץ צו פארברענען, האט ער געזען אז ס'איז נעלם געווארן, איז ער געווארן זייער צעבראכן דערפון. צוויי שעה אין א צי איז ער געזעסן און געוויינט, ביז ס'איז געקומען א ראט און צוריק געברענגט די חמץ מיטן לעפל און אנטלאפן.

*

איינער פון די גרויסע דערהויבענע חסידים פונעם סטרעליסקער האט געהייסן **ר' יוסף דזשאוב**. ער פלעגט אסאך טרונקען [דזשאוב אויף אוקרייניש מיינט טרינקען]. ער פלעגט אסאך זאגן מילתא דבדיחותא. נאכן הסתלקות פון זיין רבי איז ער געגאנגען צום הייליגן רוזינער [ס'זענען דא עטליכע מעשיות צווישן אים מיטן רוזינער]. נאכן הסתלקות פונעם **רוזינער** איז ער געגאנגען צום **ערשטן בעלזא רב**.

איך האב אמאל געהערט אז דער **שר שלום** האט אים נישט געלאזט רופן ר' יוסף דזשאוב, נאר אים געהייסן רופן **ר' יוסל בראדער**, און דער בעלזא רב האט געזאגט 'ווען ר' יאסל טרינקט זיך אן, פלאפלט ער רוח הקודש...'

איך האב געהערט פון **הגה"ח ר' אברהם בראנדער שליט"א**, אז אמאל אין א"י איז א איד געקומען צום **בעלזא רב ז"ל**, און בעלזא רב האט אים געפרעגט וואו ער שטייט איין. האט ער געענטפערט: "**ר' יאסל בראדער** פלעגט זאגן 'עסן עס איך דא [און דערביי געוויזן אויפן מויל], און שלאפן שלאף איך דא' [און געוויזן אויפדערזייט...]". ווי צו זאגן אז ער מאכט נישט קיין גרויסער עסק פון דעם.

האט דער בעלזא רב געזאגט: "ווען ר' יאסל בראדער האט געמאכט א ווערטל איז עס געווען דורכגענומען מיט יראת שמים".

*

דער **סטרעליסקער** האט געטייטשט 'מאן דבעי למהוי חסידא' - דער וואס וויל זיין א חסיד, 'לקיים' - זאל זיך צוריקהאלטן, 'מילי דנזיקין' - פון צו זאגן אזעלכע ווערטער וואס קענען מזיק זיין פאר דער נשמה, לשה"ר, רכילות און דברים בטלים.

## עומד להישרף כשרוף דמי

ס'שטייט אין **אמרי קדוש**, אז אמאל האט דער **סטרעליסקער** געהאט א מכה אויף זיין אקסל, האט ער געזאגט אז ער וויל פארן צו א דאקטער אין אן אנדערע שטאט. ס'איז געווען א פלא פאר די חסידים, פאר אזא קליינינגקייט דארף מען פארן צו א ספעציעלער דאקטער? אבער זיי האבן פארשטאנען אז אויב ער וויל דארף מען פארן. ער איז געפארן מיט עטליכע חסידים. ווען ער איז אנגעקומען זענען אלע שטאטלייט געקומען צו גיין.

אין א דערנעבנדיגע דארף איז געווען א איד א גרויסער גביר וואס האט געהאט א שענק. אלע מענטשן פון דארף פלעגן קומען צו אים קויפן, פון וואס ער האט געהאט פרנסה בריות. איין טאג איז געקומען א גוי און געעפנט נאך א שענק פונקט קעגנאיבער. אויטאמאטיש האט דער איד געהאט א געוואלדיגע שאדן, ווייל אסאך קאסטומערס זענען אריבערגעגאנגען צום גוי.

אז דער איד האט געהערט אז דער סטרעליסקער איז דא דערנעבן איז ער אריבערגעפארן. זיינע ידידים האבן אים צוגערעדט ער זאל בעטן דעם סטרעליסקער זאל קומען צו אים אין שטוב עסן א סעודה, און דעמאלס וועט ער זיכער האבן א ישועה. אזוי האט ער געטון, ער איז געגאנגען צום סטרעליסקער, אים איינגעלאדנט פאר א סעודה, און דער סטרעליסקער האט אים צוגעזאגט אז ער וועט קומען.

דעם קומענדיגן טאג האט ער אריבערגעשיקט א וואגן צו ברענגען דעם רבי'ן צו זיך אין שטוב. דער איד האט געגעבן א סעודה כיד המלך, און פארן סעודה האט ער געגעבן צו טרינקען. דער סטרעליסקער האט געגעבן לחיים פאר יעדעם איינעם, און בשעת לחיים פארן בעל הבית האט ער דערציילט פארן סטרעליסקער די גאנצע מעשה וואס ער האט צו טון מיטן גוי.

דער סטרעליסקער פלעגט אסאך מאל זאגן ווערטלעך בדרך צחות, וואס האט אויסגעקוקט ווי סתם ווערטלעך, אבער אינ'אמת'ן איז עס געווען טיפע סודות. אזויווי דער איד האט מזכיר געווען זיין צרה, האט זיך דער סטרעליקער אנגערופן: "קוק נאר וואספארא פאפער ער איז, נאכפאר ער האט אונז געגעבן צו טרינקען אביסל משקה בעט ער שוין מ'זאל אים באצאלן..."

מען האט זיך געוואשן צו דער סעודה, און בשעת'ן סעודה האט ער נאכאמאל געגעבן משקה, האט דער סטרעליסקער נאכאמאל געזאגט זיין ווערטל. נאכן בענטשן האט דער איד געוויינט אז דער סטרעליסקער זאל אים געבן א ברכה ער זאל געהאלפן ווערן, האט דער סטרעליסקער צוגערופן איינער פון זיינע חשוב'ע חסידים און געזאגט: "לאמיר ארויסגיין קוקן וואס טוט זיך אינדרויסן".

אינמיטן וועג רופט זיך אן דער סטרעליסקער: "לאמיר רופן דעם בעל הבית". ער רופט אים צו און פרעגט אים: "וואו איז די הויז פון דער גוי?" האט דער איד געוויזן ממש קעגנאיבער אים, אז דארט איז דאס הויז. זאגט דער סטרעליסקער: "קוק נאר וואספארא חוצפה דער איד האט, אזא שקר? ער זאגט אז קעגן אים איז דא א גוי'אישע שענק?" ער האט זיך ארומגעדרייט און געפרעגט דעם חסיד: "דו זעסט דא א שענק?"

דער חסיד האט גארנישט געענטפערט, ווייל ער האט דאך למעשה יא געזען, אבער ער האט פארשטאנען אז דער סטרעליסקער האט א כוונה דערין. פלוצלינג זאגט דער סטרעליסקער 'לאמיר ארויפגיין אויפן וואגן און אוועקפארן'.

דעם אנדערן טאג האט מען געהערט אז יענע ביינאכט איז דאס גאנצע הויז פונעם גוי פארברענט געווארן, ס'איז נישט געבליבן קיין שריד ופליט, און ס'איז געבליבן וויסט יארן לאנג.

דעמאלס האט מען פארשטאנען פארוואס ער האט געוואלט פארן צום דאקטער, כדי דער איד זאל האבן א ישועה.

*

**הרה"ח ר' משה שיינארט שליט"א** האט געהערט פון **הרה"ח ר' אשר נוסבוים ע"ה**, אז אמאל איז א סטרעליסקער חסיד געפארן צו זיין רבי אויף יום הקדוש. ס'איז געווען א לאנגע וועג. א נאכט פאר יו"כ איז ער געבליבן נעכטיגן אין אן אכסניא אינמיטן וועג נישט ווייט פון סטרעליסק, און ער איז דורכגעשלאפן דעם גאנצן יום הקדוש.

דער בעל אכסניא האט נישט געוואוסט אז דער איד שלאפט, איז ער געגאנגען דאווענען. ווען ער איז צוריקגעקומען מוצאי יוה"ק און געמאכט הבדלה, האט זיך דער חסיד אויפגעכאפט, און ער האט אנגעהויבן שרייען: "דו מאכסט יעצט קידוש, מ'טאר נישט עסן יוה"ק?" האט דער בעל אכסניא געזאגט: "ניין, ס'איז מוצאי יוה"ק". זיי האבן זיך ארומגעאמפערט א שטיק צייט, ביז דער חסיד האט איינגעזען וואס ס'איז געשען, אז ער איז דורכגעשלאפן די גאנצע יוה"ק. ער האט געהאט א געוואלדיגע צער, און נישט געוואוסט וואס צו טון, האט ער מחליט געווען אז ער פארט יעצט קיין סטרעליסק, וואו דער רבי פירט די מוצאי יוה"ק טיש, און ער גייט זיך אויסרעדן פארן רבי'ן.

אזויווי ער איז אריינגעקומען און דער **סטרעליסקער** האט אים געזען האט ער אים געפרעגט: "וואספארא חלום האסטו געהאט". דער איד האט זיך דערמאנט, און ער האט אנגעהויבן פארציילן:

ער האט גע'חלומ'ט אז ער שטייט אויבן ביים בי"ד של מעלה, און ער זעט אז ס'איז דא דארט איין טויער וואו מענטשן שטופן זיך אריינצוגיין, מ'באקומט דארט א צעטל, און מיט דעם קען מען גיין ווייטער. צווישן די אלע מענטשן האט ער געזען זיין פעטער וואס איז שוין נישט געווען דא אויף דעם עולם פופצן יאר. רופט זיך אן דער איד צו זיין פעטער: "איך בין א חסיד, איך ווייס וויאזוי מ'שטופט זיך, איך וועל מצליח זיין צו באקומען דעם צעטל, דו ביסט נישט געווען קיין חסיד וועסטו זיך נישט קענען שטופן..." [ער האט געוואלט דעם צעטל פאר זיך]. אזוי האט ער טאקע געטון, און ער האט באקומען דעם צעטל.

אזויווי ער איז ארויסגעקומען מיט דעם צעטל האט דער פעטער געגעבן א כאפ אוועק דעם צעטל פון אים, און פון גרויס עגמת נפש האט ער אנגעהויבן שרייען, און אזויווי ער האט געשריגן האט ער זיך אויפגעכאפט.

האט זיך דער סטרעליסקער אנגערופן: "זאלסטו וויסן אז די גאנצע מעשה איז אמת. דיין פעטער - דער נפטר האט געדארפט האבן א תיקון, און אין דיין זכות איז ער געהאלפן געווארן".

*

**הגה"ח ר' שלום בראנדער ע"ה** האט דערציילט, אז דער **ערשטער בעלזא רב זצ"ל** איז געווען אכצן מאל אין סטרעליסק. און דער **פריערדיגער בעלזא רב זצ"ל** האט געזאגט אויפן **סטרעליסקער**, אז ער איז דורכגעלאפן די וועלט אזויווי איינער וואס לויפט אויף הייסע קוילן, מיט אזא פחד האט ער געלעבט.

## קיינער איז נישט קיין מבין אויף מיר

**הגה"ח ר' אהרן מרדכי רוטנער ע"ה** האט געהערט פון דער **בעלזא רב ז"ל**, אז דער **סטרעליסקער** האט געזאגט: "אויף מיר איז קיינער

נישט קיין מבין, נישט קיין מלאך און נישט קיין שרף, נאר כביכול אליין, חוץ דער לובלינער, ווייל ער האט אזעלכע ליכטיגע אויגן אז איך קען זיך נישט באהאלטן פון אים, און איך האב נישט קיין אינטערעסע זיך צו באהאלטן פון אים!"

## דער חילוק צווישן די צוויי גרויסע צדיקים

**הרה"ק ר' יענקלע פון פשעווארסק זצ"ל** האט דערציילט: אז אמאל זענען די צוויי שוואגערס, דער **סטרעליסקער** מיטן **אהבת שלום**, געווען ביי **הרה"ק ר' ארון ליב פון פרעמישלאן זצ"ל** [דער פאטער פון **הרה"ק ר' מאיר'ל פרעמישלאנער זצ"ל**]. ביים ארויסגיין האט זיך ר' ארון לייב אנגערופן צו זיין זון ר' מאיר'ל: "ווער פון די ביידע געפעלט דיר בעסער?"

האט דאס יונגל געענטפערט: 'דער שווארצער'. ער האט געמיינט צו זאגן דעם סטרעליסקער, ווייל ער האט געהאט שווארצע האר און דער אהבת שלום האט געהאט מער רויטליכע האר. האט זיך ר' ארון ליב אנגערופן: "ביידע זענען צדיקים, דער חילוק איז, אז דער סטרעליסקער האט זיך אויסגעארבעט אז נאך הונדערט און צוואנציג יאר זאל מען אים אריבערפירן קיין ארץ ישראל [מיט מלאכים פארשטייט זיך], און דער אהבת שלום האט זיך אויסגעארבעט אז דארט וואו ער איז זאל זיין קדושת ארץ ישראל!"

*

דער **טאהשער רבי זצ"ל** האט דערציילט: דער **שינאווע רב זצ"ל** איז אמאל געווען אויפן ציון פונעם **אהבת שלום** פאר א לאנגע צייט, ווען מען האט אים געפרעגט פשט דערפון האט ער געזאגט, אז ס'איז געווען זייער שווער זיך אוועקצורייסן פון דעם פלאץ, ווייל ער האט געפילט דארט ממש אוירא דא"י. האט מען אים דעמאלס פארציילט די מעשה פון רבי ארון לייב, וואס האט געזאגט אז ער וועט זוכה זיין צו קדושת א"י דארט וואו ער ליגט.

## סטרעליסקע חסידים זענען גאלדענע קנעפלעך

דער הייליגער **רוזינער זצ"ל** האט אמאל געזאגט: "מיין טאטע האט מיר געזאגט אלס קינד, אז ער זעט מיך מיט א זיידענע וועסטל מיט גאלדענע קנעפלעך". האט דער רוזינער אויסגעפירט, די גאלדענע קנעפלעך האט ער אינזין געהאט אויף די סטרעליסקע חסידים [וואס זענען נאכן הסתלקות פונעם סטרעליסקער געפארן צו אים].

## אויסגעלאשן דאס גיהנום

עס איז געווען א בעלזער חסיד, **הרה"ח ר' חיים ברוך פינק ע"ה**, וואס ער איז געווען א קרוב מיטן **לעלובער רבי'ן, הרה"ק רבי משה מרדכי זצ"ל**. אמאל האט ער דערציילט פארן לעלובער רבי'ן א מעשה וואס ער האט געהערט אין בעלזא: עס איז ידוע אז דער ערשטער בעלזער רב, דער **שר שלום זצ"ל**, איז געפארן צום סטרעליסקער, און ער איז געווען דארט אויף צוויי שבתים. איין מוצאי שבת האט דער סטרעליסקער געוואלט מאכן הבדלה אויף וויין, אבער נאכדעם וואס ער האט אנגעגאסן דעם כוס האט זיך דער כוס איבערגעדרייט און אויסגעגאסן, אזוי האט פאסירט עטליכע מאל.

האבן די חסידים געפרעגט דעם בעלזער רב צי ער ווייסט פשט פון דעם, פארוואס האט זיך די וויין אויסגעגאסן עטליכע מאל. קודם האט ער נישט געוואלט זאגן, אבער שפעטער האט ער געפרעגט, צי עס איז דא א איד פון יענעם און יענעם דארף. גלייך האט מען געברענגט דעם איד פון יענעם דארף, און אים געפרעגט צי עפעס איז לעצטנס געווען נייעס אין זיין דארף. האט דער איד געענטפערט אז יא. ערב שבת ממש פארן זמן איז א איד נפטר געווארן, און עס איז קוים געבליבן צייט פאר שבת אים קובר צו זיין. אזוויי דער בעלזא רב האט דאס געהערט האט ער געזאגט, אז דער איד האט זייער מהנה געווען דעם סטרעליסקער, ער פלעגט שטיצן אים מיט זיין משפחה. יעצט אז ער איז נפטר געווארן פאר שבת, און ער איז אנגעקומען אויפן עולם העליון, האט מען אים אנגעהויבן דן צו זיין פאר'ן בית של מעלה. און גלייך מוצאי שבת האט מען אים געוואלט ארייננשטעלן אין גיהנום רח"ל. אבער אזוויי דאס איז געשען האט זיך דער סטרעליסקער אוועקגעשטעלט און געזאגט אז ער לאזט נישט לייגן דעם איד אין גיהנום.

האט מען אים געזאגט: "סטרעליסקער רבי, דו האסט נישט וואס צו שאפן [אריינצורעדן] ביי אים".

"אויב אזוי", האט דער סטרעליסקער געזאגט, "וועל איך פארלעשן דאס פייער פון גיהנום", און יעדעס מאל עס האט זיך אויסגעגאסן דאס כוס האט זיך א שטיק פייער פון גיהנום אויסגעלאשן, און דאס איז געווען די כוונה פארוואס דער וויין האט זיך אויסגעגאסן.

## דער כח אויסצוואשן א אידישע נשמה

**הגה"ח ר' שלום בראנדער ע"ה** האט דערציילט, וואס ער האט געהערט פון א איד, **הרה"ח ר' זלמן טייכער ע"ה**, אז ווען דער **פריערדיגער בעלזער רב זצ"ל** איז געווען אין שטאט ראווע האט ער דערציילט א מעשה פונעם סטרעליסקער: אמאל איז ער געפארן אויפן וועג, ווען עס איז געווארן נאכט האט ער זיך אפגעשטעלט אין א קרעטשמע, וואס איר בעל הבית איז געווען א איד. דער בעל הבית האט אים נישט אויפגענומען אזוי שיין. דער סטרעליסקער'ס חסידים האבן געבעטן דעם בעל הבית ער זאל געבן עפעס א בכבוד'יגע שטוב פארן רבי'ן, אבער ער האט נישט געוואלט. דער סטרעליסקער האט זיך געמוזט לייגן אויף דער ערד אין די קרעטשמע. האט מען אים געבעטן ער זאל געבן עפעס צו עסן, און דאס האט ער אויך נישט געגעבן. האט מען זיך געמוזט לייגן אן עסן.

אינמיטן נאכט האט זיך דער סטרעליסקער אנגערופן: "ווער עס וויל מיר פאלגן זאל גיין צום פריץ און אויסדינגען דעם קרעטשמע".

ווען דער סטרעליסקער איז ארויסגעפארן האט ער געהאט מיט זיך אפאר רענדלעך. הגם עס האט געהערשט א געוואלדיגע עניות ביים סטרעליסקער, אבער אלץ ווען ער איז ארויסגעפארן פון שטאט האט ער משתדל געווען מיטצונעמען אביסל געלט מיט זיך. צופרי איז איינער פון זיינע מענטשן געגאנגען, און מוסיף געווען אויפן שכירות פון די קרעטשמע, און אויסגעדונגען די קרעטשמע פונעם פריץ. שפעטער איז דער פריץ געקומען צום בעל הבית פון די קרעטשמע און אים מודיע געווען אז א צווייטער האט עס אויסגעדונגען.

דער בעל הבית איז געגאנגען און חוקר געווען ווער איז דער וואס האט אויסגעדונגען די קרעטשמע, און ער איז געוואויר געווארן אז טאקע דער רבי פון סטרעליסק וואס האט גענעכטיגט ביי אים האט עס אויסגעדונגען. דאס האט אויסגעזען ביי דעם איד ווי א געלעכטער, א רבי דאַרף א קרעטשעמע?! האט ער זיך נישט צוטון

ווי דער פריץ האט געזען אז דער בעל הבית מאכט זיך נישט צוטון און גרייט זיך נישט ארויסצוגיין, האט ער נאכאמאל געשיקט צום בעל הבית פון די קרעטשמע, ער זאל וויסן אז סוף יאר זאל ער אפציען פון דארט.

דער בעל הבית האט געזען אז עס איז נישט קיין געלעכטער, האט ער זיך אויפגעהויבן און געפארן קיין סטרעליסק. ער איז אריין צום סטרעליסקער און גע'טענה'ט אז שוין עטליכע יאר איז ער אין די קרעטשמע און ציט פרנסה פון דעם, פארוואס זאל ער אים משיג גבול זיין.

האט דער סטרעליסקער געענטפערט: "דו טארסט נישט וואוינען אין דעם דארף, ווייל א איד דארף דאווענען בציבור, הערן קדיש,

קדושה, ברכו, און ליינען. נאר וואס דען? אנדערע וואס האבן א קרעטשמע פטר'ן זיך פון דעם אלעם, פארוואס? ווייל זיי זענען מקיים מצות הכנסת אורחים פאר די אידן וואס פארן אדורך, זיי געבן זיי עסן, טרינקען און שלאפן, ממילא איז דאס אלעס במקום תפילה בציבור. אבער דו וואס דו ביסט נישט מקיים הכנסת אורחים, האסטו נישט קיין רעכט מבטל צו זיין תפילה בציבור, קדושה און ברכו״.

דער איד האט נישט געהאט וואס צו ענטפערן, איז ער אוועקגעגאנגען פון דארט מיט עגמת נפש.

דער פריץ האט געזען אז דער קרעטשמער זוכט נישט קיין אנדערע פלאץ, האט ער אים געשיקט זאגן אז סוף יאר וועט ער אים ארויסווארפן פון קרעטשמע אן קיין שום טענות און מענות. איז ער נאכאמאל געפארן צו רבי אורי און זייער געוויינט אז ער זאל רחמנות האבן אויף אים, און נישט אוועקנעמען זיין פרנסה.

האט דער סטרעליסקער געזאגט: ״איך האב דיר שוין געזאגט, דו טארסט נישט וואוינען דארט. איך האב פאר דיר איין עצה, אין מיין הויף איז פאראן א גרוב וואס מען גיסט אריין אין דעם דאס שמוציגע וואסער. אויב וועסטו דיך טובל'ען אין דעם איין טבילה געב איך דיר צוריק די קרעטשמע״.

דער קרעטשמער האט געטראכט צו זיך : עס איז טאקע נישט געשמאק זיך צו טובל'ען אין די שמוציגע וואסער, אבער שטארבן פון דעם וועל איך נישט. האט ער מסכים געווען זיך צו טובל'ען.

דער סטרעליסקער איז מיטגעגאנגען מיט אים אין הויף, דער קרעטשמער האט זיך אויסגעטון זיינע קליידער און אריין אין וואסער. דער סטרעליסקער האט געקוקט אויף אים בשעת ער האט זיך גע'טובל'ט.

האט דער בעלזער רב אויסגעפירט: ״רבי אורי סטרעליסקער האט געקענט מיט זיין גלאש פון זיינע אויגן [ד.ה. מיט א בליק פון זיינע אויגן] גוט אויסוואשן א אידישע נשמה״.

אזוי'ווי דער איד איז ארויסגעקומען פון וואסער האט אים דער סטרעליסקער געזאגט אז ער באקומט צוריק די קרעטשמע.

האט דער איד אנגעהויבן שרייען: ״ניין, איך וויל נישט צוריקגיין, וואס וועט זיין דער תכלית מיט מיר, איך וועל וואוינען דארט אין דארף, אן קיין תפילה בציבור, אן קיין קדיש, אן קיין ברכו, אן קיין ליינען. איך גיי נישט צוריק!״

ער איז נתהפך געווארן צו א צווייטער מענטש, ער איז געווארן א ירא שמים, און ער איז געווארן מורא'דיג דבוק צום סטרעליסקער. זינט דעמאלס איז ער געזעסן אין סטרעליסק על התורה ועל העבודה.

## די פמליא של מעלה לויפט הערן קדושת כתר

**הגה״ח רבי שמעון ישראל קאסטעלאניץ ע״ה** האט דערציילט, וואס ער האט געהערט פון **רבי מאטל סלאנימער ז״ל**, וואס ער האט דאס געהערט פון אן אלטן איד פון טבריא, וואס האט עס געהערט פון זיין פאטער וואס איז נאך געפארן צום סטרעליסקער:

דאס ערשטע מאל וואס ער איז געפארן קיין סטרעליסק, ווען ער איז שוין געווען נישט ווייט פון שטאט, האט זיך דער בעל עגלה אפגעשטעלט אין א שענק און געגעבן צו עסן פאר זיינע פערד. בשעת ער איז געווען אין די קרעטשמע האט ער באגעגנט א איד וואס איז יעצט געקומען פון סטרעליסק. האט ער אים געפרעגט פון וואו ער קומט, וואו ער וואוינט און ווער זיין משפחה איז. דער איד איז געקומען פון ליטא, זייער ווייט פון סטרעליסק. פרעגט ער דעם איד, פון וואו ער האט געהערט פונעם הייליגן סטרעליסקער, וואס געפינט זיך זייער ווייט פון ליטא וואו ער וואוינט.

האט דער ליטווישער איד געענטפערט אז ער וועט דערציילן דברים כהוייתן:

א שטיק צייט צוריק איז ער זייער קראנק געווארן רח״ל, און ער איז געליגן אין בעט אין זייער א שווערן מצב, ער איז געווען ממש א חולה מסוכן. ער האט זיך גע'חלומ'ט אז ער איז שוין אויפן עולם העליון, און ער איז געשטאנען פארן בית דין של מעלה. עס זענען געווען דארט מיימינים און משמאילים, מקטרגים, דער אויבערשטער זאל אפהיטן.

פלוצלינג איז געווארן א גרויסער רעש אין הימל, מען דארף זיך צואיילן, ווייל מען מוז שוין לויפן הערן קדושת כתר וואס דער סטרעליסקער גייט זאגן. אזוי'ווי זיי האבן זיך זייער געאיילט צו הערן קדושת כתר, האבן זיי אים איבערגעלאזט, און ער איז צוריק געזונט געווארן. ער האט ווייטער געלעבט אזוי'ווי פריער.

אזוי'ווי ער האט געזען אז דורכן סטרעליסקער האט ער זוכה געווען צו א רפואה, האט ער מקבל געווען אויף זיך אז ער וויל גיין אים זען. ווען ער איז אנגעקומען צום סטרעליסקער'ס טיש, האט ער געהערט דעם סטרעליסקער זאגן: ״אויב די פמליא של מעלה קומט הערן קדושת כתר פון איינעם, איז דען דא עפעס גרעסערס פון דעם? פונדעסטוועגן דארף מען מורא האבן פארן אויבערשטן א געוואלדיג גרויסע יראה״.

די חסידים האבן נישט פארשטאנען וואס דער סטרעליסקער מיינט צו זאגן מיט דעם, ווי קומען אריין די ווערטער דא אינמיטן טיש. אבער דער איד האט שוין יא געוואוסט וואס ער מיינט צו זאגן מיט דעם.

האט ער געזאגט פאר די מענטשן אז ער ווייסט וואס דער רבי מיינט צו זאגן, דער רבי האט אים אינזין געהאט.

אבער דער סטרעליסקער האט נישט מודה געווען אז ער מיינט זיך. אז דער סטרעליסקער האט נישט מודה געווען, האט זיך דער איד אויפגעשטעלט און אויסגערופן אז ער האט אליין געהערט אין הימל אויסרופן פאר די גאנצע פמליא של מעלה אז מען גייט הערן רבי אורי'ס קדושת כתר.

האט אים דער סטרעליסקער געבעטן ער זאל דאס נישט דערציילן, אבער ער האט זיך זייער פאר'עקש'נט און יא דערציילט, כדי יעדער זאל וויסן די געוואלדיגע גדלות און קדושה פונעם צדיק.

שפעטער האט דאס דער איד דערציילט פאר זיין זון וואס האט שפעטער געוואוינט אין טבריא, און ער האט עס דערציילט פאר רבי מאטל סלאנימער.

## זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל

עריכת והפצת הגליון סיפורי צדיקים של **הרה״ק ר' אורי מסטרעליסק זצ״ל**

נתנדב ע״י מוה״ר **ברוך מנחם מענדיל פריזעל** הי״ו

זכות הצדיקים יגן עליו ועל משפחתו

להתברך בבני חיי ומזוני רויחי וכל מילי דמיטב

להערות והארות יפנו להמספר הרה״ח ר' אברהם צבי אונגער שליט״א 845-274-1658 עריכה והגהה ע״י הרב ישכר יואל אונגער הי״ו 845-596-8865